נ. שקליאַר

בּום און דריידל

אַ מעשהלע

יידיש מ. עלקין



ווילנע — 1921

ווילנער פארלאג פון ב. א. קלעצקין.



דרוקעריי „ווילנער פאַרלאַג" פון ב. א. קלעצקין, קליין סטעפן־גאַס 23.



פערזאָנען:

בום
דריידל
משולח פון גוטן קיניג
צוויי העראָלדן
אַן אַלטע שמאַטע=הענדלערין
קיניגלאַכער שניידער
קיניגלאַכער שוסטער
קיניגלאַכער בעקער
אַן אַלטע (חלפנטע)
וואונדערלאַכע מוזיקער
קיניגלאַכער גאַס=שומר
אַ שטים

ערשטער אקט.

ווינטער. א וואלד. א װעג. זייער פיל שניי און דער שניי איז זייער שיין—װי אין א טרוים. די ביימער זיינען גרויסצווייגיק און שיין—אויך װי אין א טרוים. די צווייגן פון די ביימער זיינען באשאטן מיט שניי און פינקלען. קאלט. די זון פארנייט, מיט נאלדן פארב באגאסן. צוויי קינינלאכיז הערא͏ָלדן פירן מיטן וועג א גרויסן הילצערנעם פערד, אויף וועלכן עס רייט פייערלאך דער משולח פון גוטן קיניג. די הערא͏ָלדן בלאזן אין לאנגע טראמפייטן.

ה ע ר אָ ל ד ן : אומגליקלאַכסטע! אומגליקלאַכסטע! דער גיטער קיניג האָט אונז גע־שיקט נאָך אייך, כדי צו מאַכן אייך פאַר די סאַמע גליקלאַכסטע אין זיין קינינגריין דעם יאָר. אַ גאַנץ יאָר וועט איר עסן די פעטסטע טאָרטן און טרינקען די געשמאַקסטע וויינען; די בעסטע דאָקטוירים וועלן אייך געבן טרינקען די הייל־באַרסטע וואַסערן, אויב איר וועט עסן צופיל; איר וועט טראָגן די רייכסטע קליידער און וועט שלאָפן אויף די ווייכסטע בעטגעוואַנט! אַ גאַנץ יאָר וועלן פון אייערטוועגן געאָרדנט ווערן גלענצנדע בעלער! די וואונדערלאַכסטע מוזיקער וועלן אייך שפּילן די נייסטע טענץ און טאַנצן מיט אייך וועט די בת־מלכּה אַליין! (זיי שפּלן אין די טראמפייטן) אומגליקלאַכסטע! אומגליקלאַכסטע! אונז האָט געשיקט נאָך אייך דער גוטער קיניג, כדי צו באַגליקן אייך אין דעם יאָר... (זיי פארשווינדן; א ווײלע הערן זיך נאָך זייערע שטימען און דאָס שאלן פון די טראמפייטן, דערנאָך ווערט שטיל. אויפן וועג באווייזן זיך באס־מוזיקאנטן — בום און דריידל, אפגעריסענע, אין צעריסענע שיך; ביי בומען אונטערן האנט—א פידל, דריידל טראָגט א שטייג מיט א פייגעלע. זיי איז זייער, זייער קאלט).

בּ ו ם : דו ווייסט, דריידל, איצט וועלן מיר שוין ניט פאַרדינען אַזויפיל געלט, ווי מיר פלעגן פאַרדינען מיט כי—כי!

ד ר י י ד ל : אינגאַנצן לאַנד צאָלט מען פאַר געזאַנג פיל מער, ווי פאַר מוזיק און טענץ!

בּ ו ם : איצט קאָנסט זיך דרייען אַ גאַנצן טאָג, — די פענסטער זיינען פאַרפראָרן און קיינער זעט ניט!

ד ר י י ד ל : אַז כי—כי פלעגט אָנהייבן זינגען, פלעגן טאַקע אַלע דערהערן! אַ ביסל אַ טאַנץ טאָן—פלעגט שוין פון ערגעץ וואו פאַלן אַ מטבע! ווי מיינסטו, בום, כי—כי וועט גע־זונט ווערן?

בּ ו ם : ניין, זי וועט ניט געזונט ווערן, — זי האָט געזעען אין חלום איר מוטער און יענע האָט זי אַ קוש געטאָן...

דריידל: נו?

בום: נו, און דאָס איז שוין באַוואוסט—וועמען אַ טויטער טוט אין חלום אַ קוש, יענער קען שוין ניט געזונט ווערן.

דריידל: און דער מיסט־קלייבער זאָגט, אַז עס חלומט זיך אַ טויטער—איז עס אַ סימן אויף שלעכטע וועטערן!

בום: נו, וועט קומען אַ שלעכטער וועטער און כי—כי וועט שטאַרבן.

דריידל: קאַלט, בום! בום, דוכט זיך, עמיק גייט! שפּיל! (בום שפּילט).

דריידל: מיין הער, נעמט פאַר אַ פעניג אייער גורל־צעטעלע! דאָ זיצט אַ פייגעלע מיט אַ שיין אייגעלע, ניט קיין גאַנז, ניט קיין ענטל,—זי טרעפט אויפן הענטל, פאַר אַ פעניג וועט זי זאָגן, וואָס איר וועט פאַרמאָגן.

בום: קיינער נישטאָ!

דריידל: קאַלט, בום!

בום: נו, לאָמיר גיין, ביזן דאָרף איז ניט ווייער ווייט, דאָרט וועלן מיר בלייבן נעכטיקן; דעם קרעטשמערס טעכטער קויפן שטענדיק גורל־צעטעלאַך!

דריידל: שוין באַלד דער דאָרף, בום?

בום: ניין. ניט גאָר באַלד, דריידל!

דריידל: הער, בום, און אויב דעם קרעטשמערס טעכטער וועלן ניט קויפן קיין גורל־צעטעלאַך?

בום: זיי וועלן קויפן! דריידל, לייג אַוועק די פייגעלע אין בוזים, וואָרים זי וועט פאַרפראָרן ווערן!

דריידל: (עפנט די שטייג) בום!

בום: וואָס?

דריידל: די פייגעלע...

בום: נו?

דריידל: פאַרפראָרן! (וויינט).

בום: מען דאַרף אויף איר אָטעמען (ביידע אָטעמען אויפן פייגעלע).

דריידל: זי לעבט ניט אָפּ (וויינט).

בום: נו, וואָס רעוועסטו?

דריידל: אַ שאָד ווייער דאָס פייגעלע!

בום: לייג עס אַוועק אין בוזים!

דריידל: איך האָב אַוועקגעלייגט. זי איז אינגאַנצן קאַלט ווי אַ שטיק אייז.

בום: לאָמיר גיין גיכער, דו וועסט זיך דערוואַרימען, וועט זי אפשר אָפּגיין!

דריידל: נעכטן איז זי אויך געווען אַ דערפראָרענע, אָבער זי איז נאָך געוועז וואַרים!

בּ ו ם : ווער וועט איצט דעם קרעטשמערס טעכטער ציען זייערע גורל־צעטעלאך?

ד ר י י ד ל : בּום, לאָמיר גאָט בעטן, אַז די פייגעלע זאָל אָפּלעבן!

בּ ו ם : גוט, דריידל, לאָמיר בעטן גאָט! (זיי שטעלן זיך אויף די קני, לייגן צונויף די הענט און קוקן אייפן הימל).

ד ר י י ד ל : זע, בּום, ווי די שטערן באַוועגן זיך!

בּ ו ם : דאָס איז אַ באַווייז אויף אַ פּראָסט, דריידל!

ד ר י י ד ל : בּום, אויפן הימל איז וואַרים?

בּ ו ם : איך בּין דאָרט ניט געווען, —איך ווייס ניט.

ד ר י י ד ל : און ווי מיינסטו?

בּ ו ם : איך מיין, אַז עס איז וואַרים—פון דער זון, פון די שטערן,—זיי זיינען דאָך הייסע ווי קוילן!

ד ר י י ד ל : פון וואָס מאַכט מען זיי, בּום?

בּ ו ם : וואָס?

ד ר י י ד ל : פון וואָס מאַכט מען די שטערן?

בּ ו ם : מען מאַכט זיי גאָרניט, זיי זיינען שוין געמאַכטע. סיידן אַז עס פאַלט ווען אַראָפּ איינע,—דאַן מאַכט מען (זיי שווייגן).

ד ר י י ד ל : קאַלט, בּום! דו שלאָפסט?

בּ ו ם : און דו, דריידל?

ד ר י י ד ל : איך שלאָף! און דו?

בּ ו ם : איך שלאָף אויך! (ער שלאָפט, עס לאָזט זיך הערן א שטילע, צאַרטע מוזיק פון צויבער־פידלען; עס פאַלט א שניי, און אַלץ אַרום ווערט פאַרהילט אין אַ נעפּל. פון דעם נעפּל אַרויס באַווייזט זיך אַ פיגור פון אַן אַלטער פרוי).

ד ר י י ד ל : בּום, איך זע אַ חלום!

בּ ו ם : איך אויך, דריידל!

ד ר י י ד ל : בּום, איך זע, עס גייט אַהער די שמאַטע־הענדלערין און טראָגט אַ טאָפּ קאַשע.

בּ ו ם : און פון טאָפּ ציט אַ היץ!

ד ר י י ד ל : בּום!

בּ ו ם : וואָס?

ד ר י י ד ל : די שמאַטע־הענדלערין גייט אַהער!

ש מ אַ ט ע ־ ה ע נ ד ל ע ר י ן : (קומט אַן, שמייכלט ליבלאַך) זיי באַגריסט, בּום! זיי באַגריסט, דריידל! איך בּין צו אייך צו גאַסט געקומען, אַ טעפּל קאַשע מיטגענומען! (דערלאַנגט די קינדער א טאָפּ מיט קאַשע. אין טאָפּ צוויי לעפל).

בּ ו ם : (עסט) דריידל, ס׳איז דאָך אַ אמתע קאַשע!

ד ר י י ד ל : (עסט) אַ וואַרימע, אַ געשמאַקע! בּום, טו מיך ניט אַ שטויס, וואָרים איך וועל זיך אויפכאַפּן—וועט די אַלטיטשקע אַוועקגיין און וועט אַוועקטראָגן די קאַשע!

בּ ו ם : באָבינקע, גיי נישט אַוועק!

שמאַטע־הענדלערין: עסט, עסט! מיין קאַשע געגוגט פאַר אַלעמען, עס קומט פון איר גאָרנישט אָפּ! אַ פאַרבישופטע קאַשע איז מיינע!

ניט קיין רויע, ניט געקאָכט,
ניט קיין אייגנס, ניט געבאָרגט;
עסט און עסט זי כאָטש אַ יאָר, —
ווערט ניט ווייניקער אַ האָר!...

און באַלד קומט אַהער דער וואונדערלאַכער קיניגלאַכער שניידער!

בום: (שטויסט דריידלען) אַך, ווי וואונדערבאַר!

דריידל: אַך, ווי לעכערלאַך! שטויס מיך נישט, בום, וואָרים איך וועל זיך אויפּכאַפּן! (די אַלטע גייט אָפּ אַן אַ זייט, נאָך איר ערשיינט דער וואונדערלאַכער קיניגלאַכער שניידער מיט אַ גרויסער שער אין האַנט, געקליידט זייער עלעגאַנט, אין אַ גרינעם פראַק, זשאַבאָ, שיך מיט שנאַלן).

שניידער: (פאַרנייגט זיך) זייט באַגריסט, פריילין דריידל! זייט באַגריסט, העֶר בום.

בום: איר זייט דער קיניגלאַכער שניידער?

דריידל: פון גרויסן הויז לעבן קלויסטער?

שניידער: יאָ, פריילין דריידל! יאָ, הער בום!

בום:
דריידל: } וואוהין גייט איר, הער קיניגלאַכער שניידער?

שניידער: איך בין געקומען צו אייך, פריילין דריידל און הער בום.

בום:
דריידל: } נאָך וואָס זייט איר געקומען צו אונז?

שניידער: (גייט צו, ווייזט פעלצלאַך).

פרירן זאָלט איר נישט ביי נאַכט, —
האָב איך פעלצלאַך אייך געבראַכט;
האַנט און אויער זאָלן שוויצן,—
האָב איך הענטשקעס און מיצן!... (ער טוט אָן די קינדער)

דריידל: (לאַכט) אַך, ווי לעכערלאַך!

בום: (שטויסט דריידלען) אַך, ווי וואונדערבאַר!

דריידל: שטויס מיך ניט, בום, וואָרים איך וועל זיך אויפּכאַפּן!

שניידער: נאָך מיר גייט דער קיניגלאַכער שוסטער, און נאָך אים — דער קיניגלאַכער בעקער! (פאַרנייגט זיך און גייט אָפּ אַן אַ זייט).

שוסטער: (ערשיינט) זייט באַגריסט!

בום:
דריידל: } איר זייט דער קיניגלאַכער שוסטער?

שוסטער: זייט אַזוי גוט, גיט אייערע פיסעלאַך, — איך האָב אייך געבראַכט סאַמעטענע שיכעלאַך. (טוט זיי אָן)

דריידל: אַך, ווי לעכערלאַך!

בום: אַך, ווי וואונדערבאַר! (דער שוסטער פאַרנייגט זיך און גייט אָפּ אַן אַ זייט).

ב ע ק ע ר: נאַט אייך, קינדער, זיסע טאָרט
פון דעם סאַמע ערשטן סאָרט!
אונטן צוקער, אויבן פרוכט, —
נעמט=ושע קינדער און פאַרזוכט!

ב ו ם: } אַך, ווי וואונדערבאַר!
ד ר י י ד ל: } אַך, ווי לעכערלאַך! (דער בעקער פארנייגט זיך און גייט אַפּ אָן א זייט)

ד י אַ ל ט ע ח ל פ נ ט ע: (גייט צו מיט אַ גרויסן טייסטער אין האנט) זייט באַגריסט!
ב ו ם: איר זייט די אַלטע חלפנטע?
ד ר י י ד ל: נאָך וואָס זייט איר געקומען צו אונז?
ד י אַ ל ט ע: בום, זיי באַגריסט! דריידעלע וואָס מאַכט?
איך האָב אייך מטבעות אַ סך דאָ געבראַכט
מטבעות פון גאָלד נאָר געבראַכט האָב איך דאָ,
פון קופּער און זילבער—קיין איינע ניטאָ.

(שיט פון טייסטער מטבעות די קינדער אין די קעשענעס).

עפנט די טאַשן די פוסטע, די פרייע!
עס לאַכן און פינקלען מטבעות די נייע.

(די קינדער שטעלן אונטער די קעשענעס, די אלטע שיט אהין מטבעות, מורמלענדיק: „עפנט די טאשן... א. אז. ח.״).

ד ר י י ד ל: בום, אַך, ווי לעכערלאַך!
ב ו ם: (שטויסט) דריידל, אַך, ווי וואונדערבאַר!
ד ר י י ד ל: בום, שטויס מיך ניט, וואָרים איך וועל זיך אויפכאַפּן!
ב ו ם: ווייסט וואָס, דריידל! איצט וואָלט איך וועלן ס'זאָלן קומען וואונדערלאַכע
מוזיקער און זאָלן שפּילן אַ וואונדערלאַך ליד! (פון נעפל ערשיינען וואונדערלאכע מוזיקער אין ווייסע קליידער מיט גאָלדענע פידלען אין די הענט)
ב ו ם: דריידל, זע! וואונדערלאַכע מוזיקער זיינען געקומען... הער!
מ ו ז י ק ע ר: (שפּילן און זינגען):

מיר זיינען מוזיקער די גרעסטע,
פון אַ ווייטן, ווייטן לאַנד!
זינגען לידער אייך די בעסטע
זיינען מיר געקומען היינט!

———

די וואָס פּלאָגן זיך און ליידן
נעמען מיר אריין אין קאָן!
זאָרג און שווידער וועלן מיידן, —
זיסע טרוימען קומען אָן!

———

מיר זיינען מוזיקער די גרעסטע
פון אַ ווייטן, ווייטן לאַנד!
זינגען לידער אייך די בעסטע
זיינען מיר געקומען היינט!

ב ו ם : וואונדערלאַכע מוזיקער, גיט מיר אייער גאָלדענע פידל, וועל איך אייך שפּילן דעם פריילאַכסטן טאַנץ !

ד ר י י ד ל : בום, שפּיל אונז דעם פריילאַכסטן טאַנץ, וועלכער ס׳איז נאָר דאָ אויף דער וועלט! (דער וואונדערלאַכער מוזיקער גיט בומען די גאָלדענע פידל און בום שפּילט דעם פריילאַכסטן טאַנץ, וועלכער ס׳איז נאָר דאָ אויף דער וועלט).

ד ר י י ד ל : (גייט צו צו דער שמאַטע־הענדלערין) באָבינקע, טאַנץ מיט מיר!

ש מ אַ ט ע - ה ע נ ד ל ע ר י ן : מיט פאַרגעניגן! איך האָב נאָר געוואַרט, דו זאָלסט מיך רופן. (זיי טאַנצן).

ש נ י י ד ע ר : (גייט צום שוסטער) הער קיניגלאַכער שוסטער, קומט מיט מיר טאַנצן!

ש ו ס ט ע ר : מיט פאַרגעניגן! איך האָב נאָר געטרוימט, איר זאָלט מיך איינלאַדן! (זיי טאַנצן).

ב ע ק ע ר : (גייט צו צו דער אַלטער חלפנטע): געערטע אַלטע חלפנטע, קומט מיט מיר טאַנצן!

אַ ל ט ע : איך קען ניט, הער בעקער! איך דאַרף היטן די קיניגלאַכע מטבעות!

ו ו א ו נ ד ע ר ל אַ כ ע ר מ ו ז י ק ע ר : (גייט צום בעקער) טאַנצט מיט מיר, הער בעקער! (זיי טאַנצן).

ק י נ י ג ל אַ כ ע ר ג אַ ס - ש ו מ ר : (גייט פון נעפל ארויס צו די טאַנצנדיקע): וואָס איז דאָ ביי אייך פאַר אַ טומל? איר ווייסט דען ניט, אַז אויף די גאַסן פון אונזער קיניגרייך טאָר מען זיך ניט ווייַלן אַזוי טומלדיק?

אַ ל ע : אַך, הער קיניגלאַכער שומר! דאָ איז אַזוי פריילאַך! איר ווילט אפשר מיט אונז אַ טאַנץ טאָן?

ק י נ י ג . ש ו מ ר : מיט פאַרגעניגן, איך האָב נאָר געוואַרט, איר זאָלט מיך רופן.

אַ ל ע : מיר וואָלטן מיט פאַרגעניגן געטאַנצט מיט אייך, נאָר מיר זיינען איצט אַלע פאַרנומען!

ו ו א ו נ ד ע ר ל אַ כ ע ר מ ו ז י ק ע ר : קיניגלאַכער שומר, טאַנצט מיט מיר!

ק י נ י ג . ש ו מ ר : מיט פאַרגעניגן! איך האָב פון אַזוינס גאָר קיינמאָל ניט געטרוימט!

אַ ל ע : געערטע אַלטע חלפנטע! איר ווילט אפשר אַ ביסל טאַנצן מיט אונז?

אַ ל ט ע : אַך, איך וויל זייער, נאָר איך דאַרף היטן די קיניגלאַכע מטבעות!

אַ ל ע : אַך, אַ שאָד, וואָס איר קענט ניט טאַנצן, דאָס איז דאָך אַזוי פריילאַך!
(אַלע טאַנצן, צוערשט אַלץ שנעלער און שנעלער; שפּעטער—שטילער און שטילער; די פריילאַכע מוזיק פון בום הערט ביסלאַכווייז אויף, ביז ער בלייבט שטיין מיט אַן אראָפּגעלאָזענע פידל. עס לאָזט זיך הערן אַ פייערלאַכע און טרויעריקע מעלאָדיע און אויף דעם פאָן זינגט אַ ווייטע, צויבערלאַכע שטים).

ש ט י ם :

די שיינע ליבע קינדערלאַך,
דריידעלען און בומען —
איז די אַלטע מוטער איצט
אַהיים נעמען געקומען...

(א נעפל פארהילט אלץ, די טרויעריקע מעלאָדיע ווערט שטילער און מיטאמאָל לאָזט זיך הערן א שטארקער שאלן פון די קיניגלאכע העראָלדן. דער נעפל פארשווינדט; עס זעט זיך ווי אויפן שניי זיצן, צוגעדריקט אייגס צום צווייטן, בום און דריידל, אין צעריסענע קליידער און שיך מיטן וועג בייען ווידער הערא̇לדן און פירן א הילצערנעם פערדל, אויף וועלכן עס זיצט דער קיניגלאכער משולח).

ה ע ר אָ ל ד ן : אומגליקלאַכסטע! אומגליקלאַכסטע! אונז האָט געשיקט נאָך אַ״ך דער גוטער קיניג...

מ ש ו ל ח : אַך, איך בעט אַייך, טוט מיר אַ רייב דעם נאָז! דוכט זיך, אַז קיינ־מאָל איז ניט אַזוי שווער געווען צו געפינען די אומגליקלאַכסטע, ווי היינט־קס יאָר! אַמאָל, האָט מען נאָר באַדאַרפט דעם נאָז באַווייזן, האָסטו שוין אָנגעטראָפן די אומגליקלאַכסטע, און איצט... ע—ע—ע... טוט אַ קיק, איך בעט אַייך, וואָס פאַר אַ אומגליקלאַכע האָבן זיך דאָס דאָרט צוגעטולׂיעט ווי די האָזן אין שניי! דאָס זיינען, דוכט זיך, גאַס־מוזיקאַנטן!

ה ע ר אָ ל ד ן : (גייען צו צו בום און דריידל) הערט צו, אומגליקלאַכע! (בום און דריידל שווייגן). הער קיניגלאַכער משולח! זיי זיינען אַזוי ניט ערצויגן, אַז זיי ווילן גאָר נישט ענטפערן!

מ ש ו ל ח : וועקט זיי דאָרט אויף, איך בעט אַייך! שטויסט זיי דאָרט שטאַרקער, וואָרים ביי מיר וועט דער נאָז גאָר אָפפרירן!

ה ע ר אָ ל ד ן : (שטויסן בום און דריידל) אומגליקלאַכסטע! שטייט אויף, איר הערט, ביי דעם גליקלאַכן משולח וועט באַלד אָפפרירן דער נאָז! (בום און דריידל שווייגן) הער קיניג־לאַכער משולח, ס׳ווייזט אויס, אַז אייער נאָז גייט זיי לחלוטין ניט אָן!

מ ש ו ל ח : צי זיינען זיי ניט פאַרפראָרן! רייבט זיי אָפּ גיכער!

ה ע ר אָ ל ד ן : (רייבן בום און דריידל) הער קיניגלאַכער משולח! זיי זיינען ווירקלאַך פאַרפראָרן, נאָר באַלד וועלן זיי אָפגיין! באַלד וועלן זיי ערוואַכן!

ב ו ם : (ערוואכט, געגעצט) ווער זייט איר?

ה ע ר אָ ל ד ן : מיר זיינען דעם גוטן קיניגס הערא̇לדן!

ב ו ם : וואו־ושע איז מיין גאָלדענע פידל? און וואו זיינען די וואונדערלאַכע מוזי־קער? און פאַרוואָס טאַנצט איר ניט?

ד ר י י ד ל : (ערוואכט) וואו איז די אַלטע שמאַטע־הענדלערין? און דער קיניגלאַ־כער שניידער? און דער קיניגלאַכער בעקער? און דער קיניגלאַכער שוסטער? און פאַרוואָס הערט זיך ניט די וואונדערלאַכע מוזיק!

ה ע ר אָ ל ד ן : זיי זיינען אַזוי דערפראָרן, אַז זיי ריידן עפּעס משונהדיק.

מ ש ו ל ח : שלעפט זיי אַהער! אויב זיי זיינען שיעור ניט פאַרפראָרן געוואָרן אויפן בריטן וועג, זיינען זיי דאָס, מסתמא, די אומגליקלאַכסטע! (די הערא̇לדן זעצן אוועק בום און דריידל אויפן פערד, דער קיניגלאכער משולח דעקט זיי איין מיט א פעלץ און מען פירט זיי אוועק צום גוטן קיניג).

בּ ו ם : פאַרוואָס פירט איר אונז אַוועק, אונז איז דאָ געווען אַזוי גוט!

ד ר י י ד ל : אַזוי וואַרים און פריילאַך, ווי נאָך קיינמאָל אין לעבן!

מ שׂ ו ל ה : שווייגט, אומגליקלאַכסטע! אַך, איך געדענק גאָרנישט, ווען ס'איז אַזוי שווער געווען צו געפינען די אומגליקלאַכסטע, ווי איצט! אַמאָל האָסטו נאָר באַדאַרפט דעם נאָז באַווייזן!.. אַך, רייבט מיר, איך בעט אייך, דעם נאָז!.. (פּגרן אוועק).

פ אָ ר ה אַ נ ג.



מכשפה מיט א מיידעלע.

פּערזאָנען:

בּום
דריידל
גוטער קעניג
פּרינצעסין „גאָלדן גלעקעלע"
משולח
קלוגער בּעל־יועץ
ניט גאָר קלוגער בּעל־יועץ־צערעמאָנימייסטער
בּעלי־יועצים
קאַוואַליערן
דאַמען
קוכערס
דאָקטוירים
דינער.



באל.

צווייטער אקט.

(קינינלאכער פאלאץ. א סאלאָן. דער גוטער קיניג, גלייך מיט אים — די קיניגין, צווישן זיי — די בת־מלכה. פון די זייטן—קיניגלאכע בעלי־יועצים; רעכטס און לינקס—קאוואליערן און דאמען אין סאלאָן—פיל טירן און דריי קליינע פענסטערלאך; לעבן יעדע טיר שטייען קינינלאכע דינער).

מ ש ו ל ח : (קומט אריין) זיי באַגריסט, גוטער קיניג! איך האָב ערפילט דיין פאַר־לאַנג און האָב געפונען צוויי די סאַמע אומגליקלאַכסטע אין דיין קיניגרייך. אָט זיינען זיי!

ב ו ם :)
ד ר י י ד ל :) זיי באַגריסט, קיניג!

ק י נ י ג : זייט באַגריסט, אומגליקלאַכסטע! ווער זייט איר?

ב ו ם :)
ד ר י י ד ל :) מיר זיינען גאַס־מוזיקאַנטן.

ב ו ם : מיך רופט מען בום!

ד ר י י ד ל : און מיך דריידל!

(די קאוואליערן און דאמען גרעכן אוים א שטילן געלעכטער און חייבן זיך אָן סודען: „כום־כום־בום... דריידל.. דריידל... דריידל"...)

ק אַ וו אַ ל י ע ר: (פון רעכטס) כי—כי—כי!..

ד אַ מ ע: (פון לינקס) כאַ—כאַ—כאַ!

ב ו ם: פון וואָס איז דאָ צו לאַכן, הער כי—כי!

ד ר י י ד ל: ניטאָ דאָ וואָס צו לאַכן, פרוי כאַ—כאַ!

ב ת - מ ל כּ ה: אַך, ווי איר זייט מיר ביידע געפעלן! זייט ניט ביז אויף זיי, בום און דריידל, דאָס זיינען די סאַמע נאַרישע קאַוואַליערן און דאַמען! אמת טאַקע, אייערע נעמען זיינען אַ ביסל אומגעווינלאַכע, איך האָב קיינמאָל אַזעלכע ניט געהערט; מיך, למשל, רופט מען „גאָלדן־גלעקעלע״, ווייל ביי מיר איז אַ קלינגענדיקע שטים! זאָגט, פאַרוואָס רופט מען אייך: בום און דריידל?

ב ו ם: דאָס איז דערפאַר, גאָלדן־גלעקעלע, ווייל בעת איך בין געווען אַ קליינער און האָב נאָך גאָר ניט געקענט שפּילן אויפן פידל, האָט דאַן אויפן פידל געשפילט מיין פאָטער און איך האָב געשפּילט אויף אַ גרויסן פּויק און פלעג מאַכן אַזוי: בום! דערפאַר האָט מען מיר אַ נאָמען געגעבן בום!

ב ת - מ ל כּ ה: מיר געפעלט זייער דיין נאָמען, בום!

ד ר י י ד ל: און מיך רופט מען דריידל דערפאַר, ווייל בעת איך טאַנץ, דריי איך זיך ווי אַ דריידל, ווי אַ גאַר! אָט אַזוי! (זי דרייט זיך).

ב ו ם: וואַרט, דריידל! פריער איז מיט אונז געגאַנגען כי־כי, זי האָט זייער גוט געזונגען און מיר האָבן דאַן זייער פיל פאַרדינט, ווייל אין גאַנצן לאַנד צאָלט מען פאַר זינגען מער ווי פאַר מוזיק און טענץ! איצט איז זי קראַנק געוואָרן!

ב ת - מ ל כּ ה: קיניגלעכער משולח! הייסט תּיכּף ברענגען אַהער דעם בעסטן קיניגלאַכן דאָקטאָר! (דער משולח פאַרנייגט זיך און גייט אַוועק) וואו וואוינט אייער כי־כי?

ב ו ם: זי וואוינט ביי דער שמאַטע־הענדלערין!

ב ת - מ ל כּ ה: בעסטער קיניגלאַכער דאָקטאָר, איר הערט, כי־כי וואוינט אין פּאַלאַץ ביי דער אַלטער שמאַטע־הענדלערין!

ב ו ם: פּרינצעסין גאָלדן־גלעקעלע, ביי דער אַלטע־ שמאַטע־הענדלערין איז ניטאָ קיין פּאַלאַץ, זי האָט נאָר אַ ווינקעלע, אין וועלכן עס שטייט אַ קאַסטן!

ב ת - מ ל כּ ה: קיניגלאַכער דאָקטאָר, איר הערט, כי־כי וואוינט ביי דער אַל־טער שמאַטע־הענדלערין, אין אַ ווינקעלע, אין וועלכן עס שטייט אַ קאַסטן! גייט צו איר און היילט זי מיט די בעסטע רפואות!

ק י נ י ג. ד אָ ק ט אָ ר: איך הער, אייער עקסעלענץ, פּרינצעסין גאָלדן־גלעקעלע!

ק י נ י ג: די סאַמע אומגליקלאַכסטע ריידן עפּעס זייער האָפערדיק; אויב מען זאָל זיי געבן פולע פרייהייט, וועט מיין גאַנצער פּאַלאַץ באַלד פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ לאַגער פאַר אָרימעלייט! אומגליקלאַכסטע! פונוואַנען זייט איר געקומען?

ב ו ם: מיר האָבן זיך געקליבן אין די ווייטע שטעט, צו די װאונדערלאַכע מוזי־קער! דאָס דאַרף זיין אַזאַ שיינע רייזע, וועלכע ס׳איז אוממעגלאַך, ווי מען זאָגט, מיטן פעדער צו באַשרייבן און מיטן צונג צו דערציילן.

דריידל: קיינמאָל אין לעבן איז אונז נאָך אַזוי ניט גוט געווען, גוטער קיניג! ס'איז געווען גאָר וואַרים! עס האָט זיך גאָר ניט געוואָלט עסן! און עס איז געווען אַזוי פריי־לאַך! קיינמאָל אין לעבן איז אונז נאָך אַזוי פריילאַך ניט געווען!

בום: וואַרט אויף, דריידל!

דריידל: גוטער קיניג! אונז איז געווען אַזוי וואַרים, אַזוי וואַרים!

בום: וואַרט־ושע אויף אַ ווײַלע, דריידל!

דריידל: און עס האָט זיך גאָרניט געוואָלט עסן!

בום: דו חורסט איבער אַלץ דאָסועלבע! וואַרט, איך וועל דערציילן אַלץ כסדר! צוערשט איז צו אונז געקומען די אַלטע שמאַטע־הענדלערין און האָט אונז מכבד געווען מיט אַזאַ געשמאַקע קאַשע, וועלכע אַפילו איר, גוטער קיניג, האָט נאָך קיינמאָל ניט געגעסן! (אַלע זײַנען שטאַרק פאַרחִאונדערט).

קאַוואַליער: כי־כי־כי! זיי מיינען, אַז דער קיניג וועט עסן אַ פּראָסטע קאַשע!

בת־מלכּה: הערט זיך ניט צו צו זיינע רייד, בום, ער איז דער נאַרישסטער קאַוואַליער!

בום: נאָכדעם האָט אונז דער קיניגלאַכער שניידער געבראַכט אַזוינע שיינע און וואַרימע שעפּסן־פּעלצלאַך, וועלכע ס'איז אַפילו בײַ אײַך צוקאָפּנס ניטאָ, גוטער קיניג! (אַלע—זייער פאַרוואונדערט).

דאַמע: כאַ־כאַ־כאַ! זיי מיינען, אַז דער קיניג וועט שלאָפן אויף אַ שעפּסן־פּעלץ!

בת־מלכּה: הערט זיך ניט צו צו אירע רייד, בום, דאָס איז די נאַרישסטע דאַמע! זיי האָבן פאַרגעסן, אַז דעם פאָריקן מאָל, אויף יאַגד, האָט דער קיניג געגעסן אַ פּראָסטע קאַשע און געשלאָפן אויף אַ שעפּסן־פּעלץ!

בום: דערנאָך האָט אונז דער שוסטער געבראַכט סאַמעטענע שיכעלאַך! (אַלע—זייער פאַרוואונדערט).

דריידל: און דער בעקער האָט אינו געבראַכט אַ זיסן טאָרט, פון סאַמע ערשטן סאָרט! אונטן—צוקער, אויבן—פרוכט, מיר האָבן ביידע אים פאַרזוכט! (אַלע—זייער פאַרוואונדערט).

בום: דערנאָך האָט די אַלטע חלפנטע אונז אָנגעשאָטן פולע קעשענעס מיט גאָל־דענע מטבעהלאַך! (אַלע זײַנען שרעקלאַך פאַרוואינדערט).

דריידל: און די וואונדערלאַכע מוזיקער...

בום: וואַרט, דריידל! דערנאָך זײַנען געקומען וואונדערלאַכע מוזיקער און האָבן מיר געשענקט זייער גאָלדענע פידל! (אַלע—שרעקלאַך פאַרוואונדערט).

דריידל: און צוערשט האָבן זיי אויסגעזונגען אַ וואונדערלאַך ליד...

בום: און איך האָב אַזוי געשפּילט אויף דער גאָלדענער פידל, אַז אַלע האָבן געטאַנצט אָן אויפהער און מער פון אַלעמען האָט זיך לוסטיק געמאַכט דער קיניגלאַכער גאַס־שומר, כאָטש ער האָט גוט געוואוסט, אַז אין דיין מדינה טאָר מען זיך אויף די גאַסן אַזוי טומלדיק ניט לוסטיק מאַכן! (אַלע זײַנען איבערראַשט).

דריידל: ער האָט געטאַנצט מיטן וואונדערלאַכסטן מוזיקער!

בום: דערנאָך האָבן מיר דערהערט, אַז אונזער מוטער גייט נאָך אונז!

ד ר י י ד ל : מיר האָבן שוין געהערט איר שטים!

ב ו ם : אין דעם האָט גראָד געבראַכט צוטראָגן דיין משולח, און ער האָט אונז אַוועקגעשלעפּט אַהער, כּאָטש, דעם אמת ריידנדיק, האָבן מיר זיך ווייער געעקשנט (אַלע איבעררײַסט).

ק י נ י ג : קיניגלאַכער משולח! דו האָסט מיך אָפּגענאַרט! דו האָסט אויסגעלאַכט דעם גוטן קיניג! איך האָב דיר באַפעלן ברענגען צוויי סאַמע אומגליקלאַכסטע פון מיין קיניגרייך, ווייל יעדן יאָר מאַך איך אַזעלכע צוויי פּאָר די סאַמע גליקלאַכסטע אין מיין קיניגרייך. און דו האָסט מיר געבראַכט צוויי סאַמע גליקלאַכסטע!

מ ש ו ל ח : גוטער קיניג! די גאַסן־בעטלער זיינען פּשוטע ליגנער און פאַרפירער. איך האָב זיי געפונען כמעט דערפראָרענע, ווי שטיקלאַך אייז, איך האָב זיי אַליין מיט מיינע הענט אָפּגעריבן מיט ספּירט, וועלכן איך טראָג שטענדיק מיט זיך, ווייל ביי מיר פרירט דער נאָז! דאָרט איז ניט געווען קיין טאָפּ מיט קאַשע, קיין שניידער...

גוטער קיניג! ווי אַזוי וועט עס גיין דער קיניגלאַכער שניידער אין וואַלד אַריין, אַז ער איז גאָר באַשעפטיקט מיט נייען אַ פאַרביקע זשילעט פאַרן גוטן קיניג; ער זיצט און באַוואַרפט די לעכלאַך מיט גוטן זייד, וואָרים זיי רייסן זיך ביי אייך, גוטער קיניג, שטענדיק, נאָך יעדן גוטן מיטאָג!

גוטער קיניג! דאָרטן זיינען קיין שוסטער ניט געווען און קיין בעקער געוויס ניט, ווייל אַלע בעקער זיינען פאַרנומען מיט אָנפּאַרטיקן זיסע געבעקס צו אייער ווייטערדיקן מאָל־צייט; גוטער קיניג! און וואָס פאַר אַ גאָלדענע מטבעות האָבן געקענט זיין ביי די אומגליק־לאַכע?

גוטער קיניג! באַטראַכט נאָר אַליין, וועלכע וואונדערלאַכע מוזיקער האָבן דאָרט געקאָנט זיין, אַז אַלע בעסטע און וואונדערלאַכסטע מוזיקער זיינען צוזאַמענגעקליבן דאָ, אין דעם צימער, כדי צו שפּילן אויפן באַל ביים גוטן קיניג! אויב איר ווילט זיך ערקונדיקן, אַז זיי זיינען אַלע דאָ, איז גענוג נאָר עפענען אָט דאָס פענסטערל, וועט איר הערן,— שוין דעם דריטן טאָג, אַז זיי שטעלן אָן זייערע אינסטרומענטן. הערט זיך צו, גוטער קיניג. (ער גייט צו און עפנט אַ פענסטערל: פון דאָרטן הערט זיך אַ ווילדער, שרעקלאַכער ווימער פון אינסטרומענטן).

ק י נ י ג : פאַרמאַכט! פאַרמאַכט! פאַרמאַכט! איך הער, אַז דאָ האָבן זיך פאַרזאַמלט די וואונדערלאַכסטע מוזיקער פון דער גאַנצער וועלט און, עס פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן ניט געקענט זיין אין וואַלד, אויפן וועג. נאָר אפשר איז דאָרט פאָרט געווען דער הויף־שניידער און אויך אַ וועלכער עס איז שוסטער, אָדער בעקער! רופט צונויף תיכף אַלע שוסטער און בעקער פון מיין קיניגרייך, וועלן מיר זיך דערוויסן, ווער איז גערעכט און ווער איז אומ־גערעכט!

ק ל ו ג ע ר ב ע ל - י ו ע ץ : ערלויבט מיר, גוטער קיניג, ערליידיקן די פראַגע פּשוטער, ניט אָפּוועדנדיק אַלע שוסטער און בעקער פון זייער נוצלאַכער אַרבעט און ניט צווינגענדיק דעם שניידער צו וואַרפן זיין אַרבעט איבערן זשילעט פאַרן גוטן קיניג!

ק י נ י ג : מיין קלוגער בעל־יועץ, איך וועל זיין זייער צופרידן, ווייל איך פאַר־שטיי דאָ לחלוטין גאָרנישט.

ק ל ו ג ע ר ב ע ל - י ו ע ץ : אומגליקלאַכסטע! זייט אַזוי גוט· זאָגט!

בּ ו ם : מיך רופט מען בום!

ד ר י י ד ל : און מיך — דריידל!

ק ל ו ג ע ר ב ע ל - י ו ע ץ : זאָגט, זייט אַזוי גוט, אומגליקלאַכע בום און דריידל.

בּ ו ם : מיר זיינען גאָרניט קיין אומגליקלאַכע, דאָס מיינט אַזוי וועגן אונז דער קיניג=לאַכער משולח!

ד ר י י ד ל : דאָס איז ער אַליין דער סאַמע אומגליקלאַכסטער, ווייל אויף קעלט פרירט בּיי אים שרעקלאַך דער נאָז! זיין נאָז ווערט דאַן ענלאַך אויף אַ פלוים!

מ ש ו ל ח : איך בעט אײַך, גוטער קיניג, באַפעלן די אומגליקלאַכע, זיי זאָלן ניט באַרירן מיין נאָז!

ב ת - מ ל כ ה : בום און דריידל, זייט אַזוי גוט, ניט באַרירט דעם משולחס גרויסן נאָז, ווייל ער איז אַן אָפּגעפראָרענער און ווי מען וועט אים נאָר אָנרירן, קען ער זיך אָפּברעכן ווי די אײַז=ליכטעלע „דוין“!

ק ל ו ג ע ר ב ע ל - י ו ע ץ : בום און דריידל! אויב איר האָט היינט, גאָר ניט לאַנג, אויפגעגעבן אַ גאַנצן טאָפּ קאַשע, ווילט איר דאָך מכּתמא גאָר ניט עסן?

בּ ו ם : אָט דאָס איז דאָך, וואָס עס ווילט זיך שרעקלאַך עסן!

ד ר י י ד ל : אַ שרעק, ווי עס ווילט זיך עסן, גוטער קיניג!

ק י נ י ג : איך פאַרשטיי לחלוטין גאָרנישט.

ק ל ו ג ע ר ב ע ל - י ו ע ץ : און אויב מען האָט אײַך אָנגעטאָן שעפּסן=פעלצלאַך אין סאַמעטענע שיכלאַך, דאַרף עס דאָך, הייסט עס, זיין אויף אײַך?

בּ ו ם : (קוקט אויף זיינע שיך) ניין, דאָס איז לחלוטין ניט ענלאַך אויף סאַמעטענע שיך!

ד ר י י ד ל : (קוקט אָן איר צוריסענע קליידעלע) דאָס איז אויך זייער ווייניק ענלאַך אויף אַ וואַרימען פעלץ!

ק י נ י ג : איך פאַרשטיי גאָרנישט.

בּ ו ם : (קוקט אָן קרום דעם משולח) איך מיין, אַז דאָס איז זיינע קונצן!

ק י נ י ג : מיין משולח! דאָס איז שרעקלאַך!

ב ת - מ ל כ ה : אַפּנים, אַז די שעפּסן=פעלצלאַך האָט ער באַדאַרפט, אויף דער=וואַרימען זיין נאָז!

מ ש ו ל ח : גוטער קיניג! די גאַסן=בעטלער זיינען איינגאַכע ליגנער און באַטרי=גער! איך וועל מיר דען ערלויבן וואַרימען דעם נאָז מיט אַ שעפּסן=פעלץ? — פון דעם שמעקט דאָך שרעקלאַך!

ק י נ י ג : איך פאַרשטיי גאָרנישט!

ק ל ו ג ע ר ב ע ל - י ו ע ץ : גוטער קיניג! ערלויב מיר זיך דורכשמועסן מיט זיי!

ק י נ י ג : זייט אַזוי גוט, קלוגער בעל=יועץ, איך וועל זיין זייער צופרידן, אַז די זאַך וועט סוף=כל=סוף קלאָר ווערן! איך פאַרשטיי דאָ לחלוטין גאָרנישט!

ק ל ו ג ע ר ב ע ל - י ו ע ץ : זאָגט, זייט אַזוי גוט, בום און דריידל, אייב די אַלטע חלפנטע האָט אײַך געגעבן אַזוי פיל גאָלדענע מטבעות, דאַרפן זיי דאָך זיין בּיי אײַך אין די קעשענעס!

ד ר י י ד ל : (שטופּט די הענט אין די צוריסענע קעשענעס) פאַראַן! (שלעפּט ארויס) אַ מעשענער קנעפּל!

ב ו ם: (קוקט אן קרום דעם קיניגלעכן משולח) איך מיין, אז דאָס איז...

ק י נ י ג: מיין משולח—דאָס איז שרעקלאַך!

מ ש ו ל ח: גוטער קיניג! טוט אַ קוק, איך בעט אייך, ווי אַזוי האָט ביי זיי געקענט זיין אין די קעשענעס גאָלדענע מטבעות, אַז, איך בעט איבער אייער כבוד, גוטער קיניג, אויף אים איז אַפילו קיין הייזן כמעט ניטאָ!..

ב ו ם: הייזן איז ביי מיר טאַקע געבליבן ווייניק, נאָר די מטבעות זיינען געלעגן אין די פעלצלאַך!

מ ש ו ל ח: גוטער קיניג! וואָס פאַר אַ מטבעות האָבן געקענט זיין אין די קעשענעס פון די פעלצלאַך, אַז די פעלצלאַך אַליין זיינען ניט געווען! די גאַסן-בעטלער זיינען פשוטע באַטריגער!

ק י נ י ג: איך פאַרשטיי גאָרנישט!

מ ש ו ל ח: פרעגט אים, גוטער קיניג, וואו איז זיין גאָלדענע פידל? איז דען די שלעכטע פידעלע, וועלכע איז צעפלאַצט פון פראָסט, ענלאַך אויף אַ גאָלדענע?

ק ל ו ג ע ר ב ע ל - י ו ע ץ: גוטער קיניג! איך פאַרשטיי שוין, וואָס דאָ איז!

ק י נ י ג: אַך, איך בין זייער צופרידן, קלוגער בעל-יועץ!

ק ל ו ג ע ר ב ע ל - י ו ע ץ: אַלץ וואָס זיי האָבן דאָ דערציילט איז עס... איז עס...

אַ ל ע: (מיטאמאל) נו? נו? נו?

ק ל ו ג ע ר ב ע ל - י ו ע ץ: דאָס אַלץ—איז אַ חלום! (נאָך די ווערטער הייבט דער קלוגער בעל-יועץ אָן צו דרעמלען).

אַ ל ע: (אין התפעלות, מיטאמאל) אַך, אַך! וואָס פאַר אַ חכמה! וואָס פאַר אַ חכמה! אָט איז אַ שֵׂכל, אַי אַ שכל!..

ק י נ י ג: מיין קלוגסטער בעל-יועץ! אויף מאָרגן באַשטעל איך ביי מיר אין פּאַלאַץ אַ באַל, אויף וועלכן איר וועט באַקומען אַ אָרדן מיט אַן אויפשריפט: „אַי, אַ שכל!“ איצט קוש איך אייך אין שטערן (ער מאכט אַ באוועגונג מיטן האנט) און בעט העלפן מיר ענדיקן דעם ענין מיט די צוויי אומגליקלאַכסטע! בום און דריידל! איר הערט! אַלץ, וואָס איר האָט דאָ דערציילט—איז געווען אַ חלום! דאָס אַלץ איז ניט קיין אמת!

ב ו ם: ניין, גוטער קיניג! אפשר איז עס טאַקע געווען אַ חלום, נאָר דאָס איז אַלץ געווען אַ ריינער אמת! איך האָב געגעסן קאַשע—זי איז געווען גאָר אַ וואַרימע און אַ געשמאַקע, מיר איז געווען זייער וואַרים אין פעלצל און אין די שיכלאַך...

ד ר י י ד ל: דער טאָרט איז געווען ווירקלאַך פון ערשטן סאָרט!

ב ו ם: די מטבעהלאַך האָבן געקלונגען ביי מיר אין די קעשענעס, און אונטער מיין מוזיק האָט מען געטאַנצט אַזוי, אַז אַפילו דיין קיניגלאַכער גאַס-שומר האָט ניט געקענט ביישטיין און האָט געטאַנצט אויף וואָס די וועלט שטייט...

ד ר י י ד ל: כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז אין דיין מדינה טאָר מען זיך ניט לוסטיק מאַכן אויף די גאַסן אַזוי טומלדיק!

ק י נ י ג: געגוג! בום און דריידל! איר קענט זיך טראַכטן און ריידן, וואָס איר ווילט, נאָר אויב מיין קלוגער בעל־יועץ האָט באַשטימט, אַז דאָס איז אַ חלום, ניט קיין אמת,—הייסט עס, אַז אַזוי איז עס; איר זייט די סאַמע אומגליקלאַכסטע און איך וועל אייך מאַכן פאַר די סאַמע גליקלאַכסטע!

ב ו ם: גוטער קיניג! און לאַנג וועסטו אונז מאַכן פאַר די סאַמע גליקלאַכסטע?

ק י נ י ג: אַ גאַנצן יאָר!

ב ו ם: דאָס איז זייער לאַנג, גוטער קיניג! וואָס־זשע וועסטו מיט אונז טאָן?

ק י נ י ג: איר האָט שוין דאָס געהערט פון מיינע העראָלדן! אַגב, איז עס אייגן־טלאַך, ניט אייער זאַך — דאָס וועלן מיר תיכּף באַשליסן!

ב ו ם: גוטער קיניג! איידער דו וועסט אונז אָנהייבן מאַכן פאַר גליקלאַכע, אפשר קענסטו אונז עפּעס געבן עסן? עס ווילט זיך זייער עסן!

ד ר י י ד ל: און צי קען מען זיך דאָ ניט אָנוואַרימען אַ ביסל אויף אַן אויוון? ביי מיר ווינען שרעקלאַך צופראָרן די פיס! און די הענט! (זי באַהאַלט די הענט אין בוזים) בום!

ב ו ם: וואָס איז, דריידל?

ד ר י י ד ל: (שלעפּט ארויס דאָס פייגעלע) דאָס פייגעלע איז גאָר אַ וואַרימע! דוכט זיך זי אָטעמט!

ב ת - מ ל כ ה: (לויפט צו) דריידל, באַווייז מיר דיין פייגעלע! (דריידל באַווייזט, זיי אָטעמען ביידע אויפן פייגעלע).

ב ו ם: גוטער קיניג! דו ווילסט אונז מאַכן פאַר די גליקלאַכסטע! מאַך אַזוי, אַז די פייגעלע זאָל ווידער אָנהייבן זינגען!

ק י נ י ג: ניין, בום! אַזוינס קענען ניט מאַכן אפילו אַלע גוטע קיניגן און אַלע קלוגע בעלי־יועצים פון דער גאַנצער וועלט!

ב ת - מ ל כ ה: דריידל, הער, דאָס פייגעלע אָטעמט, דוכט זיך! גיב זי מיר! איך וועל אויף איר אָטעמען אַ גאַנצן טאָג! איך וועל ניט וועלן ניט טרינקען און ניט עסן!

ד ר י י ד ל: (גיט אָפּ דער פרינצעסין דאָס פייגעלע) גאָלדן־גלעקעלע, אָטעם נאָר אויף איר אָן אויפהער!

ק י נ י ג: מיינע דינער! גייט, גיט זיי עסן און טרינקען, וואַרימט זיי אָן און טוט זיי אָן די שענסטע קליידער פון די קיניגלאַכע גאַרדעראָבן! (די דינער פירן אוועק בום און דריידל).

ד ר י י ד ל: (קערט זיך אום) ליבע פרינצעסין, גאָלדן־גלעקעלע! אָטעם אויף איר אָן אויפהער! ביז נאַכט! איך וועל זיך באַלד אומקערן, איך וועל נאָר עפּעס אַ בים טאָן! (בום און דריידל גייען אוועק. די בת־מלכה גייט אוועק, אָטעמענדיק אויפן פייגעלע).

ק י נ י ג: קלוגער בעל־יועץ! מיר מוזן מאַכן בומען און דריידלען פאַר די גליקלאַכסטע אין אונזער קיניגרייך. וואָס וועט איר וועגן דעם זאָגן?

ק ל ו ג ע ר ב ע ל - י ו ע ץ: ר־ר־ר...

ק י נ י ג: וואָס?

ק ל ו ג ע ר ב ע ל - י ו ע ץ: כ־כ־ר־ר...

ק י נ י ג: קלוגער בעל־יועץ, איר זייט, אַפּנים, פאַרמאַטערט?

ק ל ו ג ע ר ב ע ל - י ו ע ץ: כ־כ־כ־ר־ר...

ק י נ י ג : קלוגער בעל־יועץ, איר האָט זייער פֿיל געטראַכט? קלוגער בעל־יועץ, איר האָט באַשלאָסן אַ ביסל אַ שלאָף טאָן?

ק ל ו ג ע ר ב ע ל - י ו ע ץ : כ־כ־כ־ר־ר־ר־ר...

ק י נ י ג : מײַנע הערן, איך מיין, אַז דאָס מאָל וועלן מיר זיך באַגיין אָן דעם קלוגן בעל־יועץ, — ער האָט ווירקלאַך אַזויפֿיל געטראַכט, אַז עס איז ניט קיין חידוש, וואָס ער האָט זיך אַזוי פֿאַרמאַטערט. איך לייג פֿאָר טאַקע תיכף צו אָרדענען דעם באַל.

אַ ל ע : (אין איין קול) וואונדערבאַר! גלענצנד! אַך! אַך! אַך!

ב ע ל - י ו ע ץ - צ ע ר ע מ אָ נ י מ י י ס ט ע ר : גוטער קיניג! איידער מיר הייבן אָן צו אָרדענען דעם באַל, דאַרפֿן מיר זיך דערוויסן: ערשטנס — צי האָבן די דאָקטוירים צוגעגרייט היילבאַרע וואַסערן? צווייטנס — צי האָבן די בעקער צוגעגרייט גענוג זיסע געבעקן? דריטנס — צי האָבן די מוזיקער צוגעגרייט די נייסטע מוזיק פֿאַר די טענץ?

ק י נ י ג : אַדאַנק אײַך, ניט גאָר קלוגער בעל־יועץ און צערעמאָנימייסטער! מיט דער צייט וועט איר ווערט זיין צו פֿאַרנעמען דעם אָרט פֿון קלוגן בעל־יועץ!

צ ע ר ע מ אָ נ י מ י י ס ט ע ר : (גייט צו צו די דריי פֿענסטערלאַך און עפֿנט אויף דאָס ערשטע) צי זיינען גרייט אַלע קוכער? (פֿון דאָרטן הערט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּן מיט מעסערס. אין פֿענסטערל באַווייזט זיך אַ קוכער אין אַ ווייסער מיץ).

ק ו כ ע ר : אַלץ איז פֿאַרטיק, גוטער קיניג! (דער צערעמאָנימייסטער פֿאַרמאַכט איין פֿענסטערל און עפֿנט אַ צווייטע).

צ ע ר ע מ אָ נ י מ י י ס ט ע ר : צי זיינען גרייט אַלע דאָקטוירים? (פֿון פֿענסטערל הערט זיך אַ קלאַפּן פֿון גלעזלאַך און עס באַווייזט זיך אַ דאָקטאָר מיט אַ פֿלעשעלע און אַ רעצעפּט אין האַנט).

ד אָ ק ט אָ ר : אַלץ איז גרייט, גוטער קיניג!

צ ע ר ע מ אָ נ י מ י י ס ט ע ר : (עפֿנט דאָס דריטע פֿענסטערל, פֿון דאָרטן לאָזט זיך הערן אַ ווילדער ווימער פֿון אינסטרומענטן און עס באַווייזט זיך אַ מוזיקער מיט אַ פֿידל אין האַנט). צי זיינען גרייט אַלע מוזיקער?

מ ו ז י ק ע ר : אַלץ איז גרייט, גוטער קיניג!

צ ע ר ע מ אָ נ י מ י י ס ט ע ר : קאַוואַליערן און דאַמען! צי זיינען ביי אײַך פֿאַרטיק די נייסטע טענץ?

ק אַ ו ו אַ ל י ע ר ן א ו ן ד אַ מ ע ן : (אַלע אין איין קול) אָ, יאָ, אָ, יאָ, אָ, יאָ!

צ ע ר ע מ אָ נ י מ י י ס ט ע ר : דינער! עפֿנט אויף אַלע טירן און לאָזט אַריין אַהער די קוכערס מיט די בעסטע מאַכלים און זיסטע וויינען! די דאָקטוירים — מיט די היילבאַרסטע וואַסערן און די מוזיקער מיט די נייסטע טענץ! (עס עפֿענען זיך די טירן און עס קומען אַריין די קוכער. זיי דעקן די טישן און שטעלן אויס מאכלים און וויינען. עס קומען אריין די דאָקטוירים און שטעלן זיך אויס אין אַ ריי, הינטער די דאַמען און קאַוואַליערן, מיט פֿלעשער אין די הענט. עס קומען אריין די מוזיקער, וועלכע פֿאַרנעמען אַ פּלאַץ אויף אַ באַזונדער עסטראַדע).

צ ע ר ע מ אָ נ י מ י י ס ט ע ר : גוטער קיניג! עפֿנט דעם באַל!

ק י נ י ג : לאַדט אײַן אַהער די אומגליקלאַכסטע בום און דריידל!

מ ש ו ל ח : (גייט אוועק און ברענגט בום און דריידל. זיי זיינען אָנגעטאָן אין זייער שיינע קליידער.

ב ו ם : גוטער קיניג, מיר האָבן זייער גוט אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען.

ד ר י י ד ל : און איך האָב זיך גוט אָנגעוואַרימט, גוטער קיניג!

ב ו ם : און די קליידער זיינען פיל אָנשטענדיקער פאַר אונזערע, כאָטש זיי זיינען אַביסל צו שווער!

ד ר י י ד ל : מיר געפעלן זיי אויך בעסער ווי אונזערע אַלטע קליידער, כאָטש אַפילו יענע זיינען געווען באַקוועמער!

ק י נ י ג : איך עפן דעם באַל! (די מוזיקער הייבן אָן שפּילן זייער לאַנגווייליקע טענץ. די קאַוואַליערן און דאַמען מאַכן מאָדערנע טאַנץ-באַוועגונגען, אייניקע פון זיי עסן און טרינקען, די דאָקטוירים נייען צו צו זיי פון צייט צו צייט און לייגן זיי פאַר היילבאַרע וואַסערן. בום און דריידל שטייען אויפן עסטראַדע לעבן די מוזיקער, קוקן זיי אָן און לאַכן זיך פונאַנדער).

ב ו ם : דריידל! זיי שפּילן אַזוי, ווי זיי וואָלטן דריי טעג ניט געגעסן! כאַ — כאַ — כאַ!..

ד ר י י ד ל : בום! זיי טאַנצן, ווי פאַרשלאָפענע פליגן! כאַ-כאַ-כאַ!..

ב ו ם : גוטער קיניג! אָט דאָס איז די פרייליכסטע מוזיק, וואָס דיינע מוזיקער קענען? כאַ-כאַ-כאַ!..

ד ר י י ד ל : גוטער קיניג! און דאָס זיינען די פרייליכסטע טענץ, וואָס דיינע קאַוואַליערן און דאַמען קענען טאַנצן? כאַ-כאַ-כאַ!..

ב ת - מ ל כ ה : (לויפט אריין מיט א שטייגל אין האנט) בום, דריידל! אייער פייגעלע האָט אָפּגעלעבט! טוט אַ קוק! איך האָב געאָטעמט אויף אים אָן אויפהער, גאָר אָן אויפהער! און עס לעבט! לעבט! לעבט!

ד ר י י ד ל : פייגעלע, דו לעבסט?

ב ת - מ ל כ ה : עס לעבט! לעבט! לעבט!

ב ו ם : לעבט! לעבט! (זיי טשיריקען אלע ווי פייגעלאך און טאנצן ארום שטייגעלע)

ב ו ם : קיניג און קיניגין! קלוגע בעלי-יועצים! קאַוואַליערן און דאַמען! קוכער, דאָקטוירים און מוזיקער! איצט, צוליב אַזאַ שמחה, וועל איך אייך שפּילן אַ אמתן טאַנץ און דריידל וועט טאַנצן.

ב ת - מ ל כ ה : און די פּרינצעסין גאָלדן-גלעקעלע וועט אייך זינגען אַ פריילאַך לידעלע! (בום שפּילט, דריידל טאנצט, פּרינצעסין זינגט).

ב ת - מ ל כ ה : (זינגט).

טאָפּי—טאָפּי—טאָפּי—טאָפּי
טאַפּ—טאַפּ—טאַפּ!
לינקס אַ פּיסל, רעכטס אַ פּיסל,—
קלאַפּ—קלאַפּ—קלאַפּ!

ס'טאַנצן דאַמען, קאַוואַליערן,
שפּרינגען אונטער הויך!
אַלעמען וואָל פריילאַך ווערן,—
טאַנצן אַלטע אויך!

די מוזיקער הייבן אויך אָן שפּילן בומס פריילאכן טאנץ. די בת-מלכה טאנצט מיט דריידלען. די קאוואליערן או דאמען הייבן אָן טאנצן אלץ לעבעדיקער און לעבעדיקער, נאָך זיי הייבן אָן טאנצן די קוכערס. דאָקטוירים, די בעלי-יועצים און צום סוף הייבן אָן טאנצן לעבעדיק דער קיניג מיט דער קיניגין. די מוזיק און דער טאנץ ווערט אלץ לעבעדיקער און לעבעדיקער. אלע זינגען צוזאמען מיט דער בת-מלכה).

אַ ל ע : (זינגען).

טאָפּי—טאָפּי—טאָפּי—טאָפּי
טאַפּ—טאַפּ—טאַפּ!
לינקס אַ פּיסל, רעכטס אַ פּיסל,—
קלאַפּ—קלאַפּ—קלאַפּ!

לינקס אַ פּיסל, רעכטס אַ פּיסל,—
טאָפּ—טאָפּ—טאָפּ!
ס׳טאַנצט דער קיניג אויך אַ ביסל
האָפּ, האָפּ, האָפּ!..

ק ל ו נ ע ר ב ע ל - י ו ע ץ : (ערוואַכט, גלייכט זיך אויס, ווערט לעבעדיק, הייבט אָן אונטער־זינגען „טאָפּי—טאָפּי” און טאַנצט אונטער) גוטער קיניג! איר קענט זיך ניט פאָרשטעלן, ווי שווער מיר איז זיך איינצוהאַלטן ניט דרייען זיך אין דעם פריילאַכן טאַנץ! די פיס הייבן זיך גאָר אַליין!

ק י נ י ג : (טאַנצט) קלוגער בעל־יועץ! האַלט זיך, איך בעט אייך, אויף דער גע־העריקער הויך! זייט ערנסט! איך בעט אייך זייער!

ק י נ י ג י ן : איך אויך!

ק ל ו ג ע ר ב ע ל - י ו ע ץ : גוטער קיניג! איך מאַטער זיך צו טאָן אַזוי, נאָר, איר וואָלט וויסן ווי שווער דאָס איז! ערלויבט מיר כאָטש לייכט צו אונטערטאַנצן!

ק י נ י ג : קלוגער בעל־יועץ! איך ערלויב אייך לייכט צו אונטערטאַנצן. נאָר היט אייער שטאַט! מען מוז זיין איבערצייגט, אַז כאָטש דער קלוגער בעל־יועץ וועט אין אַזאַ טאַנץ דעם קאָפּ ניט פאַרלירן!

ק ל ו ג ע ר ב ע ל - י ו ע ץ : זייט רואיק, גוטער קיניג! איך טאַנץ נאָר אונ־טער לייכט! איך טאַנץ נאָר אונטער לייכט!.. (טאַנצט).

אַ ל ע :

טאָפּי—טאָפּי—טאָפּי—טאָפּי
טאַפּ—טאַפּ—טאַפּ!
לינקס אַ פּיסל, רעכטס אַ פּיסל,—
קלאַפּ—קלאַפּ—קלאַפּ!..

לינקס אַ פּיסל, רעכטס אַ פּיסל,—
טאָפּ—טאָפּ—טאָפּ!
ס׳טאַנצט דער קיניג אויך אַ ביסל
האָפּ, האָפּ, האָפּ!..

(אַלע טאַנצן אויף וואָס די וועלט שטייט).

פ אָ ר ה אַ נ ג .





דריטער אַקט.

פּערזאָנען:

(דיזעלבע וואָס אין צווייטן אַקט).

(אַ באַראַטונגס־זאַל. דער קיניג, די קיניגין און די בת־מלכּה. אַרום זיי — דער קלוגער און ווייניק קלוגער בעלי־יועצים און דער קיניגלאַכער משולח. פון די זייטן קאַוואַליערן און דאַמען. אַרום די טירן — קיניגליכע דינער).

קיניג: היינט איז געוואָרן דריי חדשים, ווי די סאַמע אומגליקלאַכסטע וואוינען אין מיין פּאַלאַץ, און פאַר דער גאַנצער צייט האָב איך פון זיי ניט געהערט, אַז זיי זיינען די גליקלאַכסטע. קעניגלאַכער משולח! ברענגט זיי אַהער און פרעגט, צי זיינען זיי געוואָרן די גליקלאַכסטע? (קיניגלאַכער משולח פאַרנייגט זיך, גייט אַוועק און ברענגט בום און דריידל).

בום
דריידל } ווי באַגריסט, גוטער קיניג!

קיניג: זייט באַגריסט, גליקלאַכסטע!

בום: גוטער קיניג! מיר זיינען גאָר ניט די גליקלאַכסטע! כּל זמן ס'איז געווען ווינטער און אומגיין איבער די שטעט און דערפער איז זייער קאַלט געווען, האָבן מיר נאָך ווי עס איז געקענט אַיינזיצן בײַ דיר אין פּאַלאַץ, כאָטש אָפּטמאָל פלעגט זיך זייער וועלן דורכגיין אַ ביסל איבער די ווינטער־וועגן. נאָר איצט, ווען דער שניי איז צעגאַנגען, און אויף די ביימער גיסן זיך אָן קנאָספּן; אַז אין וועלדל האָבן זיך באַוויזן אַזויפיל פרילינגס־בלומען און עס בליט שוין די דופּטיקע ווערבע, — איצט וועלן מיר שוין ניט לאַנג בלייבן זיצן אין דיין פּאַלאַץ.

אַלע: (אין איין קול). ס'אַר אַ העזה! ס'אַר אַ העזה! אַך! אַך! אַך!

דריידל: אין פרילינג איז פיל חתנות אין די דערפער, גוטער קיניג, און מוזיקער נעמט מען אויף מיט גרויס פרייד! מיידעלאַך פרעגן זייער פיל ביי דער פייגעלע וועגן זייער גורל!

בּ ו ם: בּלייבּן נעכטיקן אין וואַלד, גוטער קיניג, איז אַזוי וואויל און הערן ווי באַגינען זינגט די פעלד־לאַרך! לאָז אונז אָפּ, גוטער קיניג!

אַ ל ע: (אין איין קול) ס׳אַר אַ העזה! ס׳אַר אַ העזה! אַך! אַך! אַך!

בּ ו ם: גוטער קיניג! אויב דו וועסט אונז ניט אָפּלאָזן, וועלן מיר אַליין אַוועקגיין, און אונז וואָלט זיך ניט וועלן אַוועקגיין פון דאַנען, ניט באַדאַנקענדיק דיר פאַר דיין גאַסט־פריינדשאַפט!

ק י נ י ג: (מיט גרויס פּאַרדראָס) אומגליקלאַכסטע! צי דען זייט איר אין מיין קיניג־לאַכן פּאַלאַץ ניט געוואָרן די גליקלאַכסטע? פאַרוואָס? צי דען זיינען מיינע טאָרטן ניט פעט און מיינע וויינען ניט זיס? צי דען זיינען מיינע קליידער מיט גאָלד און זילבער ניט באַפּוצט, און מיינע בעטגעוואַנט ניט ווייך? צי דען קלינגט ניט מיין מוזיק און מיינע טענץ זיינען ניט קיין נייסטע? איז דען ניט ליכטיק אין מיין פּאַלאַץ און די פייערן אין אים ניט העל? זיינען מיינע גערטנער דען ניט פּרעכטיק און די פאָנטאַנען ניט רייצנד־שיין?

בּ ו ם: דיינע טאָרטן, גוטער קיניג, זיינען צופיל פעט!

ד ר י י ד ל: און דיינע וויינען, גוטער קיניג,—צופיל זיס!

בּ ו ם: דיינע בעטגעוואַנט—צו ווייך!

ד ר י י ד ל: דיינע קליידער זיינען צו שווער!

בּ ו ם: און דיין פּאַלאַץ איז ניט אַזוי ליכטיק, ווי די זון!

ד ר י י ד ל: דיינע פייערן—ניט אַזוי העל, ווי די שטערן!

בּ ו ם: דיינע טענץ זיינען זייער אומעטיקע!

ד ר י י ד ל: און די מוזיק אויך!

בּ ו ם: און דיינע פּרעכטיקע גערטענער זיינען אַרומגעצאַמט מיט שטיינערנע ווענט! און קיינער רעדט ביי דיר ניט וואָס ער וויל! און קיינער טוט ניט, וואָס ער וויל! און קיינער האָט ניט קיין אייגענע פאַרלאַנגען!

ד ר י י ד ל: און קיינער זינגט ניט קיין פריילאַכע לידער, און קיינער טאַנצט ניט קיין פריילאַכע טענץ! און קיינער זעט ניט קיין זיסע חלומות!

בּ ו ם: און מיר ווילן ריידן, וואָס מיר ווילן! און טאָן, וואָס מיר ווילן! און לעבן, ווי מיר ווילן!

ד ר י י ד ל: און זינגען פריילאַכע לידער! און שפּילן די פריילאַכסטע טענץ! און זעען די זיסטע חלומות!

בּ ו ם / ד ר י י ד ל: לאָז אונז אָפּ, גוטער קיניג!

ק י נ י ג: קלוגער בעל־יועץ, וואָס זאָלן מיר איצט טאָן מיט זיי?

ק ל ו ג ע ר בּ ע ל - י ו ע ץ: גוטער קיניג! מען מוז זיי תּיכּף אָפּלאָזן. דאָ איז פאָרגעקומען אַ פאַרדראָס־לאַכער טעות. אָנשטאָט די סאַמע אומגליקלאַכסטע האָבן צו דיר אָנגעטראָפן פּשוטע נאַראָאים, וועלכע פאַרשטייען ניט זייער אייגענע טובה!

בּ ת - מ ל כּ ה: קלוגער בעל־יועץ! אויב איר רעכנט, אַז בום און דריידל זיינען פּשוטע נאַראָאים, דאַן בין איך אויך אַ נאַר! איר זייט אַ גרויסער העזהניק, קלוגער בעל־יועץ!

ק ל ו ג ע ר בּ ע ל - י ו ע ץ: פּרינצעסן גאָלדן = גלעקעלע, צי קען איך גאָר האָבן אַ העזה אַזוינס צו טראַכטן!

בּ ת - מ ל כּ ה : איך מיין אויך, אַז זיצן דאָ מיט אַייך, הערן אײַערע אומעטיקע מוזיק, טאַנצן אײַערע פאַרשלאָפענע טענץ און הערן אײַערע לאַנגווייליקע הכמות — איז ווייער אומעטיק! פיל פרייליכער איז אַרום צו גיין איבער די גרויסע וועגן, שטעט און דערפער, נעכטיקן אין וואַלד, הערן באַגינען די פעלד־לערך און זינגען און שפּילן אויף דאָרפישע חתונות!

אַ ל ע : (אין איין קול) די בת־מלכה זאָל אומגיין איבער די גרויסע וועגן! אַך! אַך! אַך! איבער שטעט און דערפער! אַך! אַך! אַך! נעכטיקן אין וואַלד! אַך! אַך! אַך! זינגען און שפּילן אויף דאָרפישע חתונות! אַך! אַך! אַך! ס׳אַ שרעק! אַך! אַך! אַך!

ק ל ו ג ע ר ב ע ל - י ו ע ץ : גוטער קיניג! איך גלויב, אַז מען מוז זיי תּיכּף אָפּלאָזן! זייערע ווערטער ווירקן באַצויבערנד און די פּרינצעסין גאָלדן־גלעקעלע גיט־דענקט אַלץ, וואָרט אין וואָרט! די גאַסן־בעטלער האָבן זי גאָר פאַרכישופֿט! זי האָט כּמעט פאַרלאָרן דעם שׂכל, ווי יענע פּרינצעסין, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רוישיק טייכעלע, און רוישט, אַליין ניט פאַרשטייענדיק וואָס! הייסט, מען זאָל זיי אַוועקפירן וואָס גיכער!

בּ ת - מ ל כּ ה : דער קלוגער יועץ האָט מורא, בום זאָל ווידער ניט אָנהייבן שפּילן זיין פריילאַכן טאַנץ און אים וועט ווידער אויסקומען צו אונטערטאַנצן!

ק ל ו ג ע ר ב ע ל - י ו ע ץ : גוטער קיניג! הייסט מען זאָל זיי אַוועקפירן וואָס גיכער! שטעלן נאָך אַמאָל אין סכּנה די קעפּ פון די קלוגע בעלי־יועצים, וואָלט פּשוט געווען לייכטזיניק!

ק י נ י ג : קיניגלאַכער משולח! פירט זיי אַוועק וואָס גיכער!

בּ ו ם : זייט געזונט, גוטער קיניג! אַדאַנק! אויף ווידערזעען, פּרינצעסין גאָלדן־גלעקעלע!

ד ר י י ד ל : אויף ווידערזעען, גוטער קיניג!

ג אָ ל ד ן - ג ל ע ק ע ל ע : קום מיט אונז! איצט וועלן מיר אָנהייבן אַ קיניגלאַך לעבן!

בּ ו ם : וואָס פאַר אַ טאַנץ וועלן מיר איצט אויסשפּילן פאַרן אַוועקגאַנג!

ק ל ו ג ע ר בּ ע ל - י ו ע ץ : קיניגלאַכער משולח! פירט זיי אַוועק וואָס גיכער! (דער קיניגלאַכער משולח פירט אַוועק בום און דריידל; פון הויף הערט זיך מוזיק: בום שפּילט אַ פריילאַכן טאַנץ, די מוזיק ווערט אַלץ שטאַרקער. די בת־מלכה לויפט צו צום פענסטער.

בּ ת - מ ל כּ ה : אויף ווידערזעען, בום! אויף ווידערזעען, דריידל! מיר וועט זיין אומעטיק אָן אַייך! איך ווייס ניט, וואָס וועל איך דאָ טאָן? ליבער בום! ליבער דריידל! קומט צו אונז וואָס גיכער צו גאַסט! (די מוזיק ווערט אַלץ שטאַרקער, צום פענסטער גייט צו דער קיניג מיט ער קיניגין, נאָך זיי לויפן צו די דאַמען און קאַוואַליערן, נאָכדעם — די ניט גאָר קלוגע יועצים און צום סוף — דער גאָר קלוגער יועץ).

בּ ת - מ ל כּ ה : זיי גייען אַוועק! זיי גייען אַוועק! זעט, זעט, — נאָך זיי גייען נאָך די קיניגלאַכע מוזיקער! זעט, זעט, — קליינע קינדער לויפן נאָך זיי, די דינסט־מיידלאַך און די קליינע קוכערלעך לויפן זיי נאָך! אַך, זעט, וואָס איז דאָס? — אַלע פייגלאַך פון די קיניגלאַכע גערטנער פליען זיי נאָך! און אַלע שמעטערלינגען! זיי גייען אַוועק! זיי גייען אַוועק!... זיי זיינען שוין אַוועקגעגאַנגען! מען הערט זיי שוין ניט! בום, דריידל! קערט זיך אום! קערט זיך אום! מיר איז אַזוי אומעטיק! אַך, ס׳איז אַזוי לאַנגווייליק! (אַלע גייען אָפּ פון פענסטער צוריק אויף זייערע ערטער. די בת־מלכה בלייבט ביים פענסטער).

ק י נ י ג : מיר איז עפּעס מיטאַמאָל אומעטיק געוואָרן! (ער גענעצט).

ק י נ י ג י ן : מיר אויך (גענעצט).

ד אַ מ ע ן : גוטער קיניג! אונז איז זייער אומעטיק! (גענעצן).

ק ו כ ע ר : (קומען אריין מיט מעסער, נאָפּל און טעלער אין די הענט) גוטער קיניג! מיר זיינען געקומען זאָגן אייך, אַז אונז איז מיטאַמאָל אַזוי אומעטיק געוואָרן, אַז אַלץ פאַלט פון די הענט! אָט אַזוי! (זיי גענעצן, און עס פאַלט ביי זיי ארויס אלץ פון די הענט).

ד אָ ק ט ו י ר י ם : (קומען אַן מיט פלעשלאך און רעצעפּטן אין די הענט). גוטער קיניג! מיר זיינען געקומען זאָגן, אַז אונז איז מיטאַמאָל אַזוי אומעטיק געוואָרן, אַז אַלץ פאַלט פון די הענט! אָט אַזוי! (זיי גענעצן און די פלעשעלאך פאלן ביי זיי פון די הענט).

ק י נ י ג : קלוגער יועץ! ס׳איז מיר שרעקלאַך לאַנגווייליק! וואָס וועלן מיר איצט טאָן?

ק ל ו ג ע ר ב ע ל - י ו ע ץ : (גענעצט) גוטער קיניג! מיר איז אַזוי אומעטיק, אַז מיין גאַנצע חכמה פאַלט מיר פון די הענט!...

ב ת - מ ל כ ה : גוטער קיניג, פאָטער מיינער! הייס תיכף שיקן נאָך בום און דריידל און בעט זיי איין, זיי זאָלן בלייבן דאָ! אויב ניט, וועל איך אַוועק צו זיי! אַך, ס׳איז מיר לאַ—אַנג—ווייליק! ס׳איז מיר לאַ—אַנג—ווייליק!

ק ל ו ג ע ר ב ע ל - י ו ע ץ : גוטער קיניג! איך קלייב צוזאַמען די רעשט־לאַך פון מיין חכמה, וועלכע איז פון האַנט אַרויסגעפאַלן, און גיב אייך אַן עצה וואַרטן נאָך אַ ביסל, אפשר וועט נאָך אַלץ קומען אין אָרדענונג! אָבער ווי לאַנגווייליק מיר איז!...

ק י נ י ג : אַך, ווי מיר וואָלט זיך וועלן, קלוגער יועץ, אַז אַלץ זאָל קומען אין אָרדענונג. ס׳איז אַזוי לאַנגווייליק! (ער גענעצט און שלאָפט איין).

א ל ע : (אין איין קול) אַך, לאַנגווייליק!.. אַך, ווי אומעטיק! אַך! אַך! אַך!..

פ אָ ר ה אַ נ ג .



דער וועכטער שלאָפט.

פ ע ר ז אָ נ ע ן:

בום
דריידל
פרינצעסין גאָלדן=גלעקעלע
קיניגלאַכער שומר.

פ ע ר ט ע ר אַ ק ט.

(נאנץ פרי. אויכן גאס, פארן קינינלאכן פאלאץ. לעבן ארייננאנג אין פאלאץ זיצט דער קינינלאכער שומר און שלאָפט שטארק. בום און דריידל גייען צו צום פאלאץ).

ב ו ם: הער קיניגלאַכער שומר, גוט מאָרגן!

ד ר י י ד ל: גוט מאָרגן, הער קיניג־אַכער שומר! (דער שומר שנאָרכט).

ב ו ם: הער קיניגלאַכער שומר, מיר זיינען דאָך מיט אייך אַלטע באַקאַנטע! צי קענט איר ניט אַ רוף טאָן אַהער די פרינצעסין גאָלדן=גלעקעלע? (דער שומר שנארכט).

ב ו ם: דריידל, אפשר זאָלן מיר גאָר אויפוועקן די פרינצעסין מיט אַ פריילאַכן טאַנץ?

ד ר י י ד ל: ניין בום, שפיל ניט קיין פריילאַכן טאַנץ, וואָרים דער גוטער קיניג וועט דערהערן און וועט מסתמא ווידער וועלן מאַכן אונז פאַר די סאַמע גליקלאַכסטע!

בום: געדענקסט די קיניגלאַכע פּערענעס?

בום: און די קיניגלאַכע קישנס?

דריידל: און די פּוכענע קאָלדרעס?

בום: און די קיניגלאַכע נאַכט־שיך?

דריידל: און די קיניגלאַכע נאַכט־מיצן? (זי לאַכט) בום!

בום: (לאַכט) דריידל!.. וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן, דריידל?

דריידל: בום, די פּרינצעסין גאָלדן־גלעקעלע וואַרט דאָך אויף אונז טאָג און נאַכט! לאָמיר איר זינגען אַ לידל, וועט זי דערהערן און וועט זיך באַלד אויפכאַפּן.

בום: לאָמיר איר זינגען אַ לידל, דריידל!

בום און דריידל: (זינגען).

אַך פּרינצעסין גאָלדן־גלעקל,
שטיי שוין אויף פון בעט, —
קום מיט אונז, מיר גייען ווייטער!
באַלד וועט ווערן שפּעט!
ענג און לאַנגווייליק דיין פּאַלאַץ,
קום אין פעלד, אין וואַלד!
זיסע קלאַנגען, שיינע לידער
וועסטו הערן באַלד!
אויפן לאָנקע וועסטו הערן
ווי די לערכע זינגט;
און וועסט זען ווי אַ וואָלקן
אויפן פעלד פאַרזינקט!...
שפּעטער זיינען מיר אין דערפל
ביי דער אַלטער פּאָר;
און ביי זייער שיינער טאָכטער
ז׳האָכצייט היינטיקס יאָר!...
אַך פּרינצעסין גאָלדן־גלעקל,
זאַם נישט מיט דיין גאַנג!
בום און דריידל פאַרן פּאַלאַץ
וואַרטן דיך שוין לאַנג...

פּרינצעסין גאָלדן־גלעקל: (באַווייזט זיך אין פענסטער) גוטן מאָרגן, בום! גוט מאָרגן, דריידל! איך האָב אויף אייך אַזוי געוואַרט! איר זייט געקומען צו מיר צו גאַסט?

בום: ניין, פּרינצעסין גאָלדן־גלעקל, מיר קענען צו דיר ניט קומען צו גאַסט! מיר זיינען זייער פאַרנומען! מיר גייען שפּילן אויף אַ דאָרפישער חתונה!

דריידל: דעם דאָרפישן שניידערס טאָכטער האָט היינט חתונה. די פייגעלע האָט איר נאָך ווינטער אַרויסגעזאָגט איר גורל! מען וואַרט אויף אונז דאָרטן זייער, פּרינ־צעסין גאָלדן־גלעקעלע!

פּ ר י נ צ ע ס י ן : בום און דריידל, איר גייט באַלד אַוועק? און איך וועל ווידער בלייבן אַליין? איך וועל וויינען אויף גאַנץ קיניגרייך!

ב ו ם : דאָס זיינען מיר דאָך געקומען נאָך דיר, כדי דו זאָלסט ניט וויינען אויף גאַנץ קיניגרייך!

ד ר י י ד ל : מיר וועלן דיך אויך נעמען אויף דער דאָרפישער חתונה!

ב ו ם : מיר וועלן אַזוי טאַקע זאָגן דעם שניידערס טאָכטער, אַז די בת=מלכה אַליין איז מיט אונז!

ד ר י י ד ל : אָט וועט זיין פריילאַך, פרינצעסין גאָלדן=גלעקעלע!

ב ו ם : און אויפן וועג וועלן מיר הערן, ווי די לאַרכן זינגען אויף די פעלדער, — דאָס איז אַזאַ פרייד!

ד ר י י ד ל : און מיר וועלן ווידער בלייבן נעכטיקן אין וואַלד, — דאָס איז אַזוי צויבער=לאַך!

פּ ר י נ צ ע ס י ן : בום און דריידל! מיך וועלן אָבער ניט אַרויס=לאָזן פון פּאַלאַץ די קיניגלאַכע דינער!

ב ו ם : ווי אַזוי קענען דיינע דינער דיך ניט לאָזן, פרינצעסין גאָלדן=גלעקעלע?!

פּ ר י נ צ ע ס י ן : אַך, בום און דריידל, זיי היטן יעדן טראָט מיינעם!

ד ר י י ד ל : טאָ טרייב זיי דורך, די נאַרישע דינער, פרינצעסין גאָלדן=גלעקעלע!

פּ ר י נ צ ע ס י ן : איך קען זיי אַלעמען ניט פאַרטרייבן, זיי זיינען זייער פיל!

ד ר י י ד ל : אָבער איצט שלאָפן זיי דאָך אַלע!

פּ ר י נ צ ע ס י ן : לעבן טויער שטייט דער קיניגלאַכער שומר; מען זאָגט, אַז ער שלאָפט ניט — ניט ביי טאָג און ניט ביי נאַכט!

ד ר י י ד ל : גלויב ניט דעם, ווער עס זאָגט דאָס דיר, פרינצעסין גאָלדן=גלעקעלע! דער קיניגלאַכער שומר שלאָפט אַזוי שטאַרק, אַז איר קענט פאַרביי אים דורכפאָרן אין אַ קאַרעטע!

פּ ר י נ צ ע ס י ן : ליבע בום און דריידל! עפנט מיר גיכער די טיר! איך וועל גיין מיט אייך אויף דער דאָרפישער חתונה! (בום און דריידל עפענען די טיר, דער שומר שנאָרכט נאָך שטאַרקער, פון פאַלאַץ לויפט ארויס פרינצעסין גאָלדן=גלעקעלע).

ב ו ם : ⎫
ד ר י י ד ל : ⎭ גוט מאָרגן, פרינצעסין גאָלדן=גלעקעלע!

פּ ר י נ צ ע ס י ן : גוט מאָרגן, בום! גוט מאָרגן, דריידל! גוט מאָרגן, פייגעלע! דו לעבסט? קום גיך אויף דער דאָרפישער חתונה! (זיי גייען אַפּ פון פאַלאַץ).

ב ו ם : אויף ווידערזעען, הער קיניגלאַכער שומר!

ד ר י י ד ל : אויף ווידערזעען, הער קיניגלאַכער שומר! (שומר שנאָרכט).

פּ ר י נ צ ע ס י ן : בום און דריידל! זאָגט ניט דעם שניידער און זיין טאָכטער, אַז איך בין אַ בת=מלכה! זאָגט, אַז איך בין אַ פּראָסטע דינסט!

ב ו ם : גוט, גאָלדן=גלעקעלע, פאַר זיי וועט דער טיטל אויך זיין פולקום גענוג!

ד ר י י ד ל : גאָלדן=גלעקעלע! מיר וועלן דאָרט זינגען די פריילאַכסטע לידער און שפּילן די פריילאַכסטע טענץ!

בּ ו ם : גאָלדן=גלעקעלע! דו ווייסט, וואָס מיר וועלן זיי שפּילן אין רעכטן ברען פון דעם חתונה=באַל?

פּ ר י נ צ ע ס י ן : וואָס, בום?

בּ ו ם : מיר וועלן זיי שפּילן דעם קיניגלאַכן טאַנץ!

ד ר י י ד ל : (זינגט און טאַנצט):

טאָפּי—טאָפּי—טאָפּי—טאָפּי,
טאָפּ! טאָפּ! טאָפּ!

(בום שפּילט, דריידל טאַנצט, די בת־מלכה טאַנצט און זינגט):

טאָפּי—טאָפּי—טאָפּי—טאָפּי,
טאַפּ—טאַפּ—טאַפּ!
לינקס אַ פיסל, רעכטס אַ פיסל—
קלאַפּ—קלאַפּ—קלאַפּ!...

(זיי גייען אוועק זינגענדיק און טאַנצנדיק, און דער קיניגלאַכער שומר בלייבט נאָך אַלץ שלאָפן).

פ אָ ר ה אַ נ ג .




ווילנער פערלאג
ב. א. קלעצקין